ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חיזוק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## וַיֵּשֶׁב - חֲנוּכָּה

תשפ"ד

326

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וֶוען זָאל מֶען לָאזְן וִויסְן פַארְן שַׁדְכָן אַז עֶס אִיז דָא אַ גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם?..............א
עֶס פְּלַאקֶערְט אִין מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, וָואס טוּ אִיךְ?..........................................ב
וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין אִינְגֶל אִיז צוּפִיל בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אִין חֵדֶר?..............ד
וָואס אִיז מִיט דִי דְרֵיידְלֶעךְ וָואס שְׁטֵייט דֶערוֹיף "נ, ג, ה, פ"?..............................ה
מֶעג מֶען נוּצְן חֲנוּכָּה דִי צוּגֶעגְרֵייטֶע אוֹיל מִיט קְנוֹיטְן, זִיךְ גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן?..........ז
וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט? ......................ח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן ..........................................א
דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה.............................................א
דִי שֵׁיינֶע חִינוּךְ שְׁמוּעֶסְן פַאר מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים.......................................ב
הֲפָצָה, אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶעס...................................................ב
שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט ..................................................ג
צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן אוֹיף פִּיצְ-פִּיצְלִיךְ, אוּן עֶר גֵייט אָן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם ............ג
רֶעדְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, בְּרֶענְגְט חֵן אוּן הַצְלָחָה..........................ד
צְוֵויי עֵצוֹת צוּ קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן פוּנְדָאסְנֵיי מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם ...........ה
שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן צְוֵוייטֶע מָאל...............................ז
דִי צַדֶּקֶת פֵּיגָא, אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ טִיכְל.................................................ח
דִי בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט גוּטֶע זַאכְן אִין דִי פְרֵייעֶ צַייטְן ....................ט
וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן גוּט קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען?...................י
ווֹאוֹיל זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן וָואס טוּעֶן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ...................יא

מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער בְּרֶסְלֶב אַז מֶען שִׁיקְט דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב .................... יא
לָאז אָפּ דִי דַאֲגוֹת, וַוייל זָארְגְן שְׁוַואכְט אָפּ.................................... יב
אַ מְלַמֵד טְרַאכְט בַּיי זִיךְ, 'וֶוער דַארְף מִיךְ?'.................................... יב
גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע טֶעכְטֶער, נֶעם נִישְׁט אַרַיין יֶעדְן אִין שְׁטוּבּ................. יג
מַזָל טוֹב אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה מִיטְ'ן אַוֶועקְוַוארְפְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן ................. יג
נִישְׁט נוּצְן בֶּעטְן פוּן אַ פָארְפָאלְק וָואס הָאבְן זִיךְ גֶעגֶ'ט.......................................... יד
פַארְלַאנְגְט פוּן דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין ............................................ יד
אַז מֶען בַּאגַנְבְ'ט אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְט מֶען בַּאגַנְבְ'ט ........................................ טו
וֵויי אוּן בִּיטֶער אוֹיבּ דִי קִינְדֶער פִירְן דִי שְׁטוּבּ........................................ טז
דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................... יז
מֶעג מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער לֵיינֶען עֲצָתוֹ אֱמוּנָה? ....................................... יז
הֲפָצָה שָׁאט נִישְׁט פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם .............................................. יט
צִינְד דִי מְנוֹרָה מִיט שִׂמְחָה........................................................ כ
עֶנְדִיג אַרְבֶּעטְן פְּרִי זָאלְסְט קֶענֶען צִינְדְן אִין צַייט ........................................ כא
קוּק אוֹיף דִי לִיכְט אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן .............................................. כא
אַ קְלוּגֶער מְלַמֵד ........................................................................ כב
וואוּ אִיז גוּט צוּ גֵיין וַואקַאצִיעֶ? .......................................................... כב
חֲנוּכָּה פָארְט מֶען נִישְׁט קַיין אוּמַאן.......................................................... כג
מֶעג מֶען אַיינְגֶעבְּן אַז מֶען אִיז מְשׁוּגָע צוּ בַּאקוּמֶען בֶּענֶעפִיטְן?............... כד
דִי מְלַמְדִים זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אַ חַיוּת אִין דַאוֶוענֶען ........................................ כה
דֶער עִיקָר זָאל מֶען בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה.................................................. כו
דוּ לֶערְנְסְט אִים עִבְרִי מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט הַארְץ ........................................ כו
זָאל מֶען בְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל?............................................ כז
מְקַרֵב זַיין דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער ........................................................... כח
חֲנוּכָּה זָאלְן דִי קִינְדֶער גֵיין נָאךְ צְדָקָה ............................................... כט
פַארְלַאנְג דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן דִי קִינְדֶער ..................................................... כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶוען זָאל מֶען לָאזְן וִויסְן פַארְן שַׁדְכָן אַז עֶס אִיז דָא אַ גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ בְּרוּדֶער, אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר - וָואס וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי עֶר לַיידְט אוֹיף צוּקֶער, וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ לָאזְן וִויסְן פַאר דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיבֶּער דֶעם? אוּן וֶוער זָאל זַיין דֶער וָואס זָאגְט עֶס זֵיי?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּנֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן וְצַדִּיק רֶבִּי חַיִּים קַנְיֶיבְסְקִי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה זֵייעֶר אַ קְלָארֶע גַאנְג פַאר אַ בָּחוּר אוּן מֵיידְל וָואס הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטְהֵייט קָאמְפְּלִיקַאצְיֶע, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל מֶען לַיידְט אוֹיף צוּקֶער וְכַדוֹמֶה; מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען מֶען רֶעדְט דֶעם שִׁידוּךְ - אַז מֶען הָאט דָאס, נָאר עֶרְשְׁט זָאל מֶען אַרוֹיסְגֵיין, זִיךְ בַּאקֶענֶען אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אוּן פַאר מֶען וִויל שְׁלִיסְן דֶעם שִׁידוּךְ זָאל מֶען זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דִי גֶעזוּנְט צוּשְׁטַאנְד.

פוּן אֵיין זַייט טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ שִׁידוּךְ וֶוען עֶס אִיז דָא אַ

גֶעזוּנְטְהֵייט קָאמְפְּלִיקַאצְיֶע - אָן דֶערְצֵיילְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, זָאגְן אִין אָנְהוֹיבּ פַאְרן שַׁדְכָן - וֶועט מֶען נִישְׁט אָנְטְרָאגְן דִי שִׁידוּךְ, אָבֶּער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן זִיךְ בַּאקֶענֶען אוּן עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְן - אַזוֹי הָאט דֶער גָאוֹן וְחָכָם גֶערָאטְן, אוּן אַזוֹי עֶנְטְפֶער אִיךְ אוֹיךְ וֶוען מֶען פְרֶעגְט מִיךְ.

דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים. אוֹיךְ זָאל מֶען טוּן דִי סְגוּלוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ", וֶועם עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ, "יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן דִי פַּרְשָׁה פוּן קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי פַּרְשָׁה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, דִי פַּרְשָׁה פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן"; עֶס זָאגְן מִיט אֱמוּנָה, בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן נָאכְן דָאס זָאגְן זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ. עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, אַ פְּלַג גוּף. אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית, זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי סְגוּלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין יֶעצְט טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס פְּלַאקֶערְט אִין מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין אַ קִיאָסְק, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אַז אִיךְ זָאל זוּכְן שְׁמוּץ, אִיךְ זוּךְ אוּן זוּךְ, אוּן אִיךְ זֶע זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם.

עֶס אִיז דָא אַ פִּילְטֶער, אָבֶער מַיין מֹחַ אִיז אַזוֹי שְׁוַואךְ אַז אִיךְ זוּךְ שׁוֹין אוֹיף קְלֵיידֶער; אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיז נָאךְ דָא פַּאר מִיר אַ וֶועג אַרוֹיס?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, דָאס וֶועט דִיר רֵיינִיגְן דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דַיין מַחֲשָׁבָה. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט:): ״הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה״, טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת, אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קוּמְט מֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן מֶען וֶוערְט טָמֵא, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (סוֹטָה ח.): ״אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת״, דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז מַצְלִיחַ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עַיֵּין בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב; תַּנְחוּמָא שְׁלַח, טו): ״עֵינָא וְלִבָּא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַעֲבֵירָה״, דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ זֶענֶען דִי סֶעילְסְלַייט (מֶעקְלֶער) צוּ עֲבֵירוֹת, ״עַיִן רוֹאֶה״, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, ״וְהַלֵּב חוֹמֵד״, נָאכְדֶעם גְלִיסְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, ״וּכְלֵי הַמַּעֲשֶׂה גּוֹמְרִים״, בִּיז מֶען פַּאלְט אַרָאפּ, מֶען זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם קוּק וָואס בְּרֶענְגְט צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

דוּ וֵוייסְט אַוַודַאי דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אַמָאל בַּיים רֶבִּי׳ן אִין שְׁטוּבּ פַאר פֶּסַח וֶוען מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעפַּארְבְּט דִי דִירָה, אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער דִי צַדֶיקֶת אָדְל הָאט גֶעהָאלְפְן מְסַדֵּר זַיין דִי דִירָה אוּן אִיבֶּערְדֶעקְן דִי מֶעבְּל וְכוּ׳ אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג. אוֹיפְן וַואנְט הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ טֵייעֶרֶע זֵייגֶער, הָאט אָדְל גֶענוּמֶען אַ פְּרוֹיעֶן טִיכְל אוּן אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט דֶערְמִיט דֶעם זֵייגֶער אַז עֶס זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג וֶוערְן, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי

גֶעזָאגְט: "מִיט דֶעם דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דִי זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע שְׁוַואכֶע מֹחוֹת, וָואס וֶוען זֵיי זֶעעֶן נָאר אַ פְּרוֹיעֶן טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?! נֶעם עֶס אַרָאפּ אוּן דֶעק עֶס אִיבֶּער מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ".

אֵיין עֵצָה אִיז דָא, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, עֶס פְּלַאקֶערְט אִין מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶס פְּלַאקֶערְט אִין מִיר תַּאֲוֹת נִיאוּף, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת, הִיט מִיךְ מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין אִינְגְל אִיז צוּפִיל בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אִין חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין כִּתָּה ב' אִינְגְל קוּמְט אַהֵיים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים בַּאשְׁטְרָאפְט דְרֵיי מָאל אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג, אוּן אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַ צִיפּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרִיוַואטֶע קֶשֶׁר מִיט דִי מְלַמְּדִים פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי צוּגַאנְג וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט צוּם תַּלְמִיד וֶוען עֶר קֶען דִי עֶלְטֶערְן.

גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵּד אוּן גֶעבּ אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִים וִוי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט אוּן וִוי דַיין קִינְד בְּלִיעֶט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִים פְרֶעגְן צִי עֶר אִיז צוּפְרִידְן

און אויב דֶער קִינְד אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג. אַזוֹי צוּבִּיסְלִיךְ זָאלְסְטוּ אִים פְּרֶעגְן אויבּ עֶס פֶּעלְט אויס צִיפְּן; זָאג אִים מִיט שֵׁיינֶעם אַז אויבּ עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיטְן קִינְד זָאל עֶר דִיךְ רוּפְן און דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם קִינְד.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי שְׁוֶוער מְלַמְּדִים אַרְבֶּעטְן, און דֶער עִיקָר שְׁוֶועריקֵייט אִיז - אַז מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מַחְשִׁיב און מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נִישְׁט. דֶער מְלַמֵּד זִיצְט מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה קִינְדֶער, דִי אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דִי קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי גְלֵייזְן, בִּיז עֶר פַארְלִירְט זִיךְ; וָואלְטְן דִי עֶלְטֶערְן גֶעהַאט הַכָּרַת הַטּוֹב, גֶעקוּמֶען זָאגְן שְׁכֹּחַ, גֶעקוּמֶען זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן - וָואלְט דֶער מְלַמֵּד גֶעאַרְבֶּעט גְרִינְגֶער.

ווארִיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי קִינְדֶער און אַרְבֶּעטְן מִיטְן מְלַמֵּד; וֶועלְן זֵיי זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט און עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס אִיז מִיט דִי דְרֵיידְלֶעךְ וָואס שְׁטֵייט דֶערוֹיף "נ, ג, ה, פ"?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס טְרֶעפְט זִיךְ דְרֵיידְלֶעךְ פוּן נִישְׁט הַיימִישֶׁע פְּלֶעצֶער וָואס עֶס שְׁטֵייט דֶערוֹיף "נ, ג, ה, פ", אַנְשְׁטָאט "נ, ג, ה, ש"; דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל יָא שְׁטֵיין "נ, ג, ה, ש", אָדֶער אִיז עֶס נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל צוּ שְׁפִּילְן אוּם חֲנוּכָּה - דְרֵיידְל, וָואס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף דִי אוֹתִיּוֹת נ׳ ג׳ ה׳ ש׳. עֶס אִיז אַ גָאר אַלְטֶער מִנְהָג, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז נֵ׳ס גָ׳דוֹל הָ׳יָה שָׁ׳ם. אוֹיךְ אִיז דָא אִין דֶעם זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מ) דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וְוי אַ דְרֵיידְל, עֶס דְרֵייט זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ; אָט אִיז עֶר אוֹיבְן, אָט אִיז עֶר אוּנְטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם גְרוֹיסֶע נִיסִים; קוּק אַרַיין דָארְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן.

עֶס זֶענֶען דָא וָואס מַאכְן אַ טָעוּת אוּן זָאגְן אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שְׁרַייבְּט מֶען נ׳ ג׳ ה׳ פ׳, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, נָאר דִי רִיכְטִיגֶע אוֹתִיּוֹת אִיז נ׳ ג׳ ה׳ ש׳, וַוייל דִי נִיסִים הָאט פַּאסִירְט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי אוֹתִיּוֹת זֶענֶען מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מו, כח): "וְאֶת יְהוּדָה שָׁלַח לְפָנָיו אֶל יוֹסֵף לְהוֹרֹת לְפָנָיו ׳גֹּשְׁנָה׳, וַיָּבֹאוּ אַרְצָה גֹּשֶׁן", דָאס לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַ דְרֵיידְל שְׁפִּיל; יֶעדֶער אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ, אַמָאל פַאלְט מֶען אוֹיפְן נ׳, אַמָאל אוֹיפְן ג׳, דֶער עִיקָר אִיז - זִיךְ דְרַאפֶּען אוּן דֶערְהַאלְטְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען שְׁפִּילְט חֲנוּכָּה דִי דְרֵיידְל שְׁפִּיל; וַוייל דִי יְוָונִים הָאבְן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְן גֶעפְּרֶעדִיגְט כְּפִירָה וְאַפִּיקוֹרְסוּת, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, מֶען זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, זֵיי הָאבְן גֶעזָאגְט ׳מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט טוּישְׁן, אוֹיב מֶען אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָל - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן׳, ׳אוֹיב אַלֶעס גֵייט מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ - אִיז דָאס דִי מַזָל׳, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דִי חַשְׁמוֹנָאִים - הָאבְן גֶעלֶערְנְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא טֶבַע, מִקְרֶה אָדֶער מַזָל, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, אוּן ׳יֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה׳, אַלֶעס קֶען זִיךְ אִין אֵיין מִינוּט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

דֶערִיבֶּער שְׁפִּילְט מֶען חֲנוּכָּה דְרֵיידְל, צוּ וַוייזְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ׳, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן ׳אַלֶעס

וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, אָט בִּין אִיךְ אוּנְטֶן, אָט בִּין אִיךְ אוֹיבְּן, אָט בִּין אִיךְ אָרֶעם, אָט וֶוער אִיךְ רַייךְ׳; מִיט אֱמוּנָה זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶעג מֶען נוּצְן חֲנוּכָּה דִי צוּגֶעגְרֵייטֶע אוֹיל מִיט קְנוֹיטְן, זִיךְ גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעווָאלְט פְרֶעגְן אוֹיב אִיךְ מֶעג קוֹיפְן פַאר חֲנוּכָּה דִי קְלֵיינֶע בָּאטְלֶעךְ אוֹיל וָואס קוּמְט שׁוֹין גְרֵייט מִיט דִי קְנוֹיטְן, זִיךְ צוּ גְרִינְגֶער מַאכְן, אָדֶער עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן דַוְקָא אַלֵיין אָנְצוּגְרֵייטְן דִי אוֹיל מִיט דִי קְנוֹיטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר מַיין לֶעבְּן

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט קוֹיפְן דִי גֶעמַאכְטֶע קְנוֹיטְן וְכוּ׳; דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַּארְלֵייגְן צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט מִיט שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): ״כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה - ״זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו״, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס ווַייזְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט לִיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פַּארְלֵייגְן בַּיים טוּן אַ מִצְוָה, דָאס צוּ טוּן מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי רֶעדְט מֶען זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן אַלֶע יָארְן ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִין דִי טֶעג אַרוּם חֲנוּכָּה אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶוען מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אוּן יֶעדֶעס יָאר ווֶוען עֶס קוּמְט חֲנוּכָּה הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי חֲלִישׁוּת הַדַעַת, ווַייל אַ גַאנְצְן טָאג ווֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריקֵייט אָדֶער אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אִינְמִיטְן טָאג אַ זַאךְ ווָאס אִיךְ דַארְף אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט אִיךְ גְלַייךְ אַז בַּאלְד בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט גֵיי אִיךְ עֶס שֵׁיין אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִינְמִיטְן טָאג הָאבּ אִיךְ דָאךְ נָאכְגִישְׁט דֶעם יֵצֶר הָרָע פוּן שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער ווֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, מֶען זִיצְט שׁוֹין בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, עֶס אִיז נָאךְ דָא אַפָּאר מִינוּט צוּצוּעֶנְדִיגְן דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה, יֶעצְט אִיז דָאךְ דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פּוּנְקְט דֶעמָאלְט ווֶוערְט מַיין מוֹיל פַארְשְׁלָאסְן, מַיין מֹחַ פַארְהַאקְט, דִי גֶעפִילְן פַארְמַאכְט, אוּן אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַ ווָארְט דָא אוּן אַ ווָארְט דָארְט, אָבֶּער גָאר ווַייט פוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן גֶעהֶערִיג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט קוּמְט חֲנוּכָּה הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דֶעם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס כְּסֵדֶר אַזוֹי, דִי הַארְץ אִיז אָנְגֶעלֵייגְט, אוּן אִיךְ ווֵייס אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר מִיר אִיז זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז בַּאלְד גֵיי אִיךְ טְרֶעפְן אַ רוּאִיגֶע צַייט אוּן אַ רוּאִיגֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מָארְגְן צוּפְרִי גֵיי אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי מִיט אַ גוּטֶער חָבֵר, עֶס קוּמְט קוֹים אַרוֹיס אַפָּאר אוֹיסְגֶעקְרַאצְטֶע ווֶוערְטֶער, אוּן דִי הַארְץ בְּלַייבְּט ווַייטֶער אָנְגֶעלֵייגְט.

עֶס מַאכְט זִיךְ פוּן מָאל צוּ מָאל ווָאס דִי הַארְץ אִיז מִיר אָפְן אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעווֶוענְלִיךְ פַּאסִירְט עֶס ווֶוען דֶער גְלֶעזְל אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶעפִילְט, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ פְּלַאץ שׁוֹין, אוּן נָאכְדֶעם ווֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶערֶעדְט אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס מִיט אַלֶע פְּרָטִים, שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ אַזוֹי גוּט, דִי בֶּעסְטֶע גֶעפִיל ווָאס אִיךְ הָאבּ נָאר אִין לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִין דִי הֶענְט אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט מִיר וִוי אַן אֵייגְן קִינְד, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער מַאכְן אַז דָאס זָאל פַּאסִירְן מֶער אָפְט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריקַייטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דָאס אַלֵיין אַז מֶען ווִיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אוּן מֶען ווִיל אַרוֹיסְזָאגְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט - אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה): "וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים נִסְתַּתְּמִין דְּבָרָיו וְאֵינוֹ יָכוֹל לִפְתֹּחַ פִּיו לְדַבֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל", אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער וָואס אַרוֹיס צוּ רֶעדְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, "אַף עַל פִּי כֵן זֶה בְּעַצְמוֹ טוֹב מְאֹד, דְּהַיְנוּ הַהֲכָנָה שֶׁהוּא מוּכָן וְעוֹמֵד לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ וְחָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק לְדַבֵּר", דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אַלֵיין, אַז מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל אוּן מֶען וַוארְט צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, "אַךְ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל", אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט, דִי מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט - "זֶה בְּעַצְמוֹ גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", דָאס אַלֵיין אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גְלִיסְטְן, בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג צוּ קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן בַּיי דִי לִיכְט, אוּן וֶוען דוּ צִינְדְסְט דִי מְנוֹרָה זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאג: "טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, טַאטֶע זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, לֶעבְּן מִיט דִיר?" אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בּוֹקֵעַ רְקִיעִים, עֶס שְׁפַּאלְט הִימְלֶען, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ שִׂמְחָה גְּדוֹלָה וֶוען אַ אִיד זָאגְט נָאר דָאס וָוארְט: "טַאטֶע"; עֶס וֶוערְט אַ חֲתוּנָה, אַ זִיווּג, אַ יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ.

אוֹיף דִי צְוֶוייטֶע פְרַאגֶע, וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן צוּ רֶעדְן מֶער אָפְט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט וֶוייטָאג; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז, פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי"ן; זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת, רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּאוֹפֶן קָבוּעַ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה): "וְיִזָּהֵר מְאֹד לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ לְהַתְמִיד בָּזֶה מִדֵּי יוֹם בְּיוֹם שָׁעָה מְיֻחֶדֶת", אַזוֹי וִוי דִי דְרַיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִיז בְּאוֹפֶן קָבוּעַ, נִישְׁט קַיין חִילוּק אוֹיבּ מֶען הָאט יֶעצְט אַ גֶעפִיל, אוּן אוֹיבּ מֶען גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אַ אִיד גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת; אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת, יֶעדְן טָאג אַ גֶעוִויסֶע צַייט - וֶוען דוּ גֵייסְט אִין אַ ווִינְקְל, אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ הֶעלְפְן, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי"ן, מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת מִיט אַ קְבִיעוּת - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ.

אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶענְסְטוּ פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ גֶעשְׁרֵיי אוּן אַ גֶעוַואלְד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְגַם יוּכַל לַעֲשׂוֹת לוֹ שִׂיחָה וּתְפִלָּה מִזֶּה בְּעַצְמוֹ", מֶען קֶען פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְעַל זֶה בְּעַצְמוֹ יִצְעַק וְיִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁנִּתְרַחֵק כָּל כָּךְ, עַד שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל אֲפִלּוּ לְדַבֵּר", אוּן מֶען קֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיין שְׁרֵייעֶן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וִוי וַוייט אִיךְ בִּין פוּן דִיר, אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר, "וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים שֶׁיְּרַחֵם עָלָיו וְיִפְתַּח פִּיו, שֶׁיּוּכַל לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו", אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים עֶפֶענֶען דִי מוֹיל, עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה'תשפ"ד, פֹּה אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן

לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... וְזוּגָתוֹ

ווארויל איז עֶנְק וָואס אִיר זֶענְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן מִיטְן מְתַּרְגֵּם זַיין מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ דִי בְּרִיוּו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיךְ מַאכְן עֶנְק דִי גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק גֶעבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

...

### דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה'תשפ"ד, פֹּה אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ...

דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי וֶועלְט. מִיר טָארְן נִישְׁט רוּעֶן, מִיר טָארְן נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן, מִיר מוּזְן עֶנְדִיגְן דִי זַאךְ, מִיר דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק טוּן אִין הֲפָּצָה בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת הַגּוֹאֵל, אָמֵן.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### די שֵׁיינֶע חִינוּךְ שְׁמוּעֶסְן פַאר מְלַמְּדִים און מְחַנְּכִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה׳תשפ״ד, פֹּה אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ...., יְרוּשָׁלַיִם**

יֶעצְט וֶוען די יָאר גֵייט אַרִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז די יָאר אִיז אַרִיבֶּער מִיט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, הָאסְט אַ חֵלֶק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן די זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פון רֶבִּי׳ן פַאר די וֶועלְט, די שֵׁיינֶע חִינוּךְ שְׁמוּעֶסְן פַאר מְלַמְּדִים און מְחַנְּכִים.

אַזוֹיפִיל מְלַמְּדִים זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳, אַזוֹיפִיל מְלַמְּדִים הָאבְן אַ וֶועג ווי אַזוֹי צו מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט שִׂמְחָה, מֶען קוּקְט אוֹיף די קִינְדֶער גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען קוּקְט אוֹיף די קִינְדֶער, אוֹיף זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ הָאבְן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### הֲפָצָה, אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה׳תשפ״ד, פֹּה אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ זִיסֶע יָאר, עֶס זָאל קוּמֶען די אַלֶע זְכוּתִים דַיינֶע וָואס דו טוּסְט פַאר הַדְפָּסָה, די גִּלְיוֹנוֹת און די קוּנְטְרֵסִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, און אוֹיךְ וָואס דַיין וַוייבּ טוּט פַאר הַדְפָּסָה, לִיכְטִיג מַאכְן אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

וָואס מֶען טוּט פַאר הַדְפָּסָה, הֲפָצָה - אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין.

זָאלְסְט הָאבְן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## שְׁפִּירְן טַעַם גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ה׳תשפ״ד, פֹּה אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט זֵייעֶר טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַייעֶר אֵיידֶעם אִיז אַ גָאר חָשׁוּבְ׳עֶר אִינְגֶערְמַאן, אוּן אַייעֶרֶע בָּחוּרִים זֶענֶען זֵייעֶר לִיכְטִיג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, טְרֶעפְן גוּטֶע שִׁידוּכִים אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט אִים - וֶוערְט מֶען מֶער גְלִיקְלִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן טַעַם גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן אוֹיף פִּיצְ-פִּיצְלִיךְ, אוּן עֶר גֵייט אָן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שלה): ״כְּשֶׁאֲנִי רוֹאֶה אֵיזֶה עֲבוֹדַת ה׳ בְּעָנִי שֶׁבַּעֲנִיִּים״, וֶוען אִיךְ זֶע בַּיי אַן אָרֶעמַאן וִוי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״שֶׁהוֹלֵךְ בְּכוֹבַע קָרוּעַ וּמַלְבּוּשִׁים קְרוּעִים וּמִנְעָלִים קְרוּעִים״, מִיט זַיין צֶערִיסֶענֶע הוּט, זַיינֶע צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער אוּן צֶערִיסֶענֶע שִׁיךְ, ״הוּא יָקָר אֶצְלִי עַד מְאֹד״, אִיז דָאס בַּיי מִיר זֵייעֶר טֵייעֶר; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן אוֹיף פִּיצְ-פִּיצְלִיךְ, אוּן עֶר גֵייט אָן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז, אוּן דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה.

דִי יְשִׁיבָה גֵייט אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט. וֶוער עֶס קוּמְט אַרַיין אִין יְשִׁיבָה קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ וִוי פְרִישׁ דִי יְשִׁיבָה אִיז; אַלֶע לֶערְנֶען, אַלֶע דַאוֶונֶען, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר יְשִׁיבָה וֶוען מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי זִיבֶּעצְן יָאר.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מָאנְסִי, רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעקוּמֶען פוּן יַבְנְאֵל קַיין אַמֶעריקֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְסִבָּה פַאר זַיינֶע הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דָארְט, אִיךְ קוּם אַזוֹיפִיל הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, עֶר הָאט מִיךְ אַלֶע יָארְן אַזוֹי מְחַזֵּק גֶעוֶוען; וֶוען אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער מַיינֶע שְׁוֶוערֶע יָארְן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וְכוּ' וְכוּ' הָאט רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶס אִיז מַמָשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן עֶנְק; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זֶעט מֶען עֶס; אֵיין וָוארְט קֶען מֶען זָאגְן: "אַשְׁרֵינוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

רֶעדְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, בְּרֶענְגְט חֵן אוּן הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, דֶערְצֵייל יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אוֹיף דִיר אַ חֵן אוּן דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט): "וְעִקַּר מַה שֶּׁנִּתְקַבֵּל הַדִּבּוּר, הוּא מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים", אַלֶע הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער; וֶוען מֶען רֶעדְט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מֶען רֶעדְט פַּאזֶעטִיוו - הֶערְט מֶען אוֹיס דִי דִיבּוּרִים, "וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ טוֹב בְּהַדִּבּוּר, אֲזַי הַדִּבּוּר נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל", דֶערִיבֶּער,

ווען מען רעדט גוטע ווערטער וועלן אַלע צוהערן וואס מען רעדט, "אֲבָל כְּשֶׁאֵין טוֹב בְּהַדִּבּוּר אֵינוֹ נִתְקַבֵּל", אָבער אויב רעדט מען נישט קיין שיינע ווערטער - וועט מען דאס נישט אָננעמען. "וְאֵיךְ עוֹשִׂין הַטּוֹב בְּהַדִּבּוּר", ווי אַזוי קען אַ מענטש זוכה זיין צו רעדן פַּאזעטיוו, צו רעדן אַיינגענעמע ווערטער, מענטשן זאלן אים אויסהערן און אָננעמען וואס ער זאגט? "הוּא עַל יְדֵי שֶׁלּוֹקְחִין הַדִּבּוּר מֵהַדַּעַת, אֲזַי יֵשׁ בּוֹ טוֹב, אֲבָל כְּשֶׁהַדִּבּוּר בְּלֹא דַּעַת, אֲזַי אֵין בּוֹ טוֹב", אַז מען רעדט מיט שכל; ווען מען רעדט שכל'דיגע ווערטער - דעמאלט איז דא גוטס אין די ווערטער און אַלע נעמען דאס אָן, אָבער אַז נישט - זענען די ווערטער נישט גוט, "וּלְהָקִים וּלְרוֹמֵם אֶת הַדַּעַת הוּא עַל יְדֵי שֶׁבַח הַצַּדִּיקִים, כְּשֶׁמְּשַׁבְּחִין וּמְפָאֲרִין אֶת הַצַּדִּיקִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת", און דער רבי ענדיגט: ווי אַזוי קומט מען צו צו האבן שכל? אַז מען רעדט פון דאס גרויסקייט פון צדיקים.

די וואך שבת וועל איך זיין אין ישיבה אין וויליאמסבורג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אַלע ענינים.

...

### צוויי עצות צו קענען אנהויבן לעבן פונדאסניי מיט ליבשאפט און שלום

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

ווי ווייטאגליך איז צו הערן אייער לעבנ'ס געשיכטע; אַזויפיל פיין, אַזויפיל ווייטאג וואס איר זענט אַריבער אין אייער לעבן, איר האט אַזוי אַרויסגעקוקט צו האבן אַ מאן וואס וועט אייך געבן ליבשאפט און אינאיינעם בויען אַ וואַרעמע שטוב, און עס איז פינקט פאַרקערט...

איך קען אייך געבן צוויי שיינע עצות וואס וועט צוריק אַוועק שטעלן אייער שטוב, ווי די שענסטע שנה ראשונה וואס איז דא אין די וועלט.

עֶרְשְׁטְנְס, אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אַייעֶרע כֹּחוֹת זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ שֶׁעצְן אַייעֶר מַאן; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין זַאךְ וָואס מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס דַארְף זַיין פוּן הַארְץ, מִיט אֱמֶת. אִיר זָאלְט אִים אוֹיפְהֶערְן נָאכְקוּקְן אוּן נָאכְזוּכְן, זוּכְט אוֹיף אִין אִים אַ בְּרֶעקֶעלֶע גוּטְס, אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס; טְרַאכְטְס פוּן דֶעם אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם - וֶועט צוּבִּיסְלִיךְ פוּן דִי פִּינְטְלֶעךְ אוּן בְּרֶעקְלֶעךְ - וֶוערְן אֵיין שְׁטִיק גוּטְס.

צְוֵוייטְנְס, "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת"; אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג נֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט אַלֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיוו, אוּן נָאךְ מֶער; נִישְׁט טְרַאכְטְן אִין קָאפּ דִי צָרוֹת וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער אוּן וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער, נָאר אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אוּן אַז אִיר רֶעדְט בֶּעסֶער אִין עֶנְגְלִישׁ - זָאלְט אִיר דָאס זָאגְן אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ אִין עֶנְגְלִישׁ, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ אוּן עֶס זָאל גֶעשֶׁען נִיסִים.

אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ, אַז אִיר וֶועט טוּן דִי צְוֵויי עֵצוֹת - וֶועט אִיר אָנְהוֹיבְּן אַייעֶר לֶעבְּן פוּנְדָאסְנַיי מִיט דִי גְרֶעסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; נָאכְן לַיידְן אַזוֹיפִיל, אוּן נָאכְן אַרוֹיסְקוּקְן אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אַ זִיסֶע לֶעבְּן, אוּן נָאכְן הָאבְּן גֶעוֶועזְן בַּיי אִיבֶּער צְוֶועלְף טֶערֶעפִּיסְטְן, מֶערִידְזְשׁ קַאוּנְסְלִינְג, עֶנֶערְדְזְשִׁי, אוּן דַיָּנִים - זֶענְט אִיר שׁוֹין מְיוּאָשׁ, אִיר טְרַאכְט 'וָואס קֶען שׁוֹין וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ?' אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס קֶען פַּאסִירְן אַ נֵס אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע רֶגַע, אַלֶעס קֶען וֶוערְן אַזוֹי זִיס, אוּן בְּכֹחַ דִי צַדִּיקִים מִיט זֵייעֶרע עֵצוֹת קֶען מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אוֹיפְהֶערְן נָאכְקוּקְן אַייעֶר מַאן. וֶוען עֶר קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אַז עֶר אִיז אִין שׁוּל, עֶר לֶערְנְט, אוּן אַז עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעט אוּן אִיר וֶוערְט מִיד זָאלְט אִיר אִים שִׁיקְן אַ שֵׁיינֶע הוֹדָעָה, וִוי לְמָשָׁל: "אַ גוּטֶע נַאכְט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין שְׁלָאפְן", שְׁרַייבְּט אִים: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע טָאג, אִיךְ הָאף דוּ אוֹיךְ"; לוֹיפְט אִים נִישְׁט נָאךְ: "וואוּ בִּיסְטוּ?" "וֶוען קוּמְסְטוּ?" וַוייל אִין אַזַא מַצָּב וָואס דִי שְׁטוּבּ הַאלְט בַּיים צֶעפַאלְן, הָיָה לֹא תִהְיֶה - דַארְף מֶען נֶעמֶען אַן אַנְדֶערֶע וֶועג.

וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין יָא אַהֵיים זָאלְט אִיר נָאר שְׁמֵייכְלֶען; וֵויינֶען ווֵיינְט מֶען נָאר וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, מֶען ווֵיינְט נִישְׁט פַארְן מַאן אוּן נִישְׁט פַאר קִינְדֶער, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֵיינְט מֶען, נָאר וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט; דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְווֵיינֶען.

וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, זָאגְט הוֹיךְ: "קִינְדֶער לָאמִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזַא גוּטֶע טַאטֶע וָואס מִיר הָאבְּן", אוּן אִים גֶעבְּן נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער. אֲפִילוּ עֶס דַארְף וֶוען זַיין פַארְקֶערְט, עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ זָאג אַייךְ עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען; אוֹיבּ אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת, שֶׁעצְן דֶעם מַאן, אוּן דַאוֶוענֶען אוּן ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קוּמְט אַ גְרוֹיסֶער נֵס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן צְווֵייטֶע מָאל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

מַזָל טוֹב מַזָל טוֹב אַז דוּ עֶנְדִיגְסְט הַיינְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן צְווֵייטֶע מָאל! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ט:): "אֵינוֹ דוֹמֶה", עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ, "שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ", דֶער וָואס לֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, "מֵאָה פְּעָמִים", הוּנְדֶערְט מָאל, "לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ", צוּ דֶער וָואס לֶערְנְט, "מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; אִיז דָאךְ זִיכֶער דֶער וָואס הַאלְט שׁוֹין דִי צְווֵייטֶע מָאל הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, מֶען אִיז מְסַיֵּים דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן צְווֵייטֶע מָאל - אִיז דָאךְ זִיכֶער דִי שְׂכַר זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּנִים, הַקְדָמָה יד:): "כָּל צַדִּיק וְצַדִּיק אִית לֵיהּ עוֹלָם בִּפְנֵי עַצְמוֹ", יֶעדֶער צַדִּיק בַּאקוּמְט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע וֶועלְט, "וְכָל מָאן דְזָכָה לַהֲלָכָה חַד יָרִית עָלְמָא חָד", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן אֵיין הֲלָכָה

אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אֵיין וֶועלְט, "כָּל שֶׁכֵּן מָאן דְּזָכֵי לְמַסֶּכְתָּא חֲדָא", אוּן זִיכֶער דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן אַ מַסֶּכְתָּא, "אוֹ לְתְרֵין", אָדֶער צְוֵויי מַסֶּכְתּוֹת, "אוֹ לְשִׁתִּין", אָדֶער צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

דָאס הָאט מֶען אַלְץ גֶעזֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶועְן אִין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אִיבְּרִיגֶע צַייט הָאבְּן זֵיי עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין לֶערְנֶען, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אוֹיךְ פְלֶעגְן זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיי דִי אַרְבֶּעט, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן פוּן זֵיי.

גֵיי אָן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן בַּיי דִי אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ מְיַיחֵד זַיין יִחוּדִים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי צַדֶיקֶת פֵיגָא, אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ טִיכְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

ווּאוֹיל אִיז עֶנְק אַז אִיר גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל אִין צְנִיעוּת, דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער - אִיז דִי מִדָּה פוּן צְנִיעוּת, אוּן בִּזְכוּת גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע צוּדֶעק, מִיט אַ טִיכְל - זָאלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידֶל, גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - הָאט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע, דִי צַדֵיקֶת פֵיגָא - אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ טִיכְל, אַזוֹי אוֹיךְ דִי בַּאבֶּע פוּן רֶבִּי'ן - אָדְל דִי צַדֵיקֶת - אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ טִיכְל. מוֹהֲרָא"שְׁ'ס

מַאמֶע, דִי צַדֶיקֶת מַלְכָּה - אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ טִיכְל. אַלֶע צַדִיקִים קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וואו דִי מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען אֵיידְל, אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ רֵייץ צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא זֵיי זָאלְן אַלֶע וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. מִיר אִיז דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער; פוּן אֵיין זַייט דַארְף אִיךְ אַלֶעמֶען מְקָרֵב זַיין אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַרְבֶּעט אִיךְ שְׁטַייט אוּן שְׁטִיל אַז דִי גַאנְצֶע קְהִילָה, מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל - זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע אִידִישֶׁע קְרוֹין. אוֹיךְ מַאךְ אִיךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם; אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל פוּן דִי צַדִיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת מִיט אוּנְזֶער קְהִילָה.

...

## דִי בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט גוּטֶע זַאכְן אִין דִי פְרֵייעֶ צַייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; זֵיי לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן פִירְן זִיךְ מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת, זֵיי זֶענֶען פוּן דִי אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע בָּחוּרִים בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה.

מֶען קֶען קוֹיפְן בִּילִיגֶע אִינְסְטְרוּמֶענְטְן, פְּלֶעסְטִיק פֵייפֶערְס; אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי דָאס צוּ קוֹיפְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אַז בַּיי הַפְסָקָה זָאלְן זֵיי זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען שְׁפִּילְן אוֹיף כְּלֵי זֶמֶר. אוֹיסֶער דִי מַעֲלָה פוּן קֶענֶען שְׁפִּילְן נִיגוּנִים, זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין מִיט אַ נִיגוּן - אִיז אוֹיךְ גוּט זֵיי זָאלְן הָאבְן וָואס צוּ טוּן אוּן נִישְׁט גֵיין אִין דִי גַאסְן אִין לִיבֶּערְטִי; אִין לֵייבְּרֶערִי, אָדֶער אֲפִילוּ אִין גְרָאסֶערִי - וָואס אִיז בְּעֶצֶם נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אָבֶער דִי בָּחוּרִים הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט דָארְט פַאר עֶסְן, פַאר פִּיצַא; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי הָאבְן גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס צוּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט.

אוֹיךְ אִיז אַ שָׁאד אַז זֵיי קוּמֶען נִישְׁט בַּיינַאכְט צוּם הֲלָכָה שִׁיעוּר; אִיךְ

הָאב גֶעמַאכְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען הֲלָכָה, אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ דַיינֶע קִינְדֶער.

הַצְלָחָה בְּכָל עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן גוּט קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען, דוּ ווִילְסְט גֶעדֶענְקֶען דָאס לֶערְנֶען, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַ מְקֻצוֹעַ - צוּ קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת קְלָאר - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם; בַּיים דַאוֶוענֶען בַּיי אַהֲבַת עוֹלָם אִינְדֶערְוָואכְן, אוּן בַּיי אַהֲבָה רַבָּה - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן בֶּעטְן: "וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל וְכוּ׳". "וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶיךָ" - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מִיט טְרֶערְן אַז עֶס זָאל דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן דִי אוֹיגְן אִין דִי תּוֹרָה; אַנְשְׁטָאט זִיצְן אוֹיף אֵיין סְעִיף אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן קְוֶועטְשְׁן אַזוֹי לַאנְג - זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין לְכִתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג צוּפְרִי, אִינְמִיטְן טָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן בֶּעט אַסַאךְ פַאר דֶעם; זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה, אוּן זוֹכֶה זַיין לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.

...

**וואוּיל זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן וָואס טוּעֶן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, ט) אוֹיף וֶועלְכֶע פְרוֹי פַּאסְט דֶעם טִיטְל "אִשָּׁה כְּשֵׁרָה"? "הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ", דִי פְרוֹי וָואס טוּט דֶעם מַאנ'ס ווִילְן; דָאס מֵיינְט מֶען דִי פְרוֹי וָואס שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ', עֶס אִיז אִיר שְׁוֶוער דָאס חֲתוּנָה גֶעהַאטְ לֶעבְּן, עֶס אִיז אִיר שְׁלֶעכְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ; דָאךְ טוּט זִי דֶעם מַאנ'ס ווִילְן, וַוייל דָאס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - פַאר דִי פְרוֹי פַּאסְט דִי טִיטְל 'אִשָּׁה כְּשֵׁרָה'.

וואוּיל זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן וָואס טוּעֶן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הִיטְן זֵייעֶר מַאן פוּן שְׁלֶעכְטְס; וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת אוּן צוּ אַ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע "גַּן עֵדֶן".

...

**מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער בְּרֶסְלֶב אַז מֶען שִׁיקְט דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְט אָדֶער נִישְׁט נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב - אַז דוּ שִׁיקְסְט דַיין קִינְד אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד; מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער בְּרֶסְלֶב אַז מֶען שִׁיקְט דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב.

מֶען וֶוערְט מֶער בְּרֶסְלֶב ווִי מֶער מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִי מֶער מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דוּרְכְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ וַוארְטְן מִיט דִי דִירָה אוּן דָאס נִישְׁט פַארְדִינְגֶען אָדֶער פַארְקוֹיפְן, הַאלְט עֶס פַאר דִיר.

טַאנְץ יֶעדְן טָאג, טַאנְץ אִין דַיין אָפִיס, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט זֶען, אָבֶער טַאנְץ: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".

...

### לָאז אָפּ דִי דַאֲגוֹת, ווייל זָארְגְן שְׁוַואכְט אָפּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן לָאז אָפּ דִי דַאֲגוֹת; ווייל זָארְגְן שְׁוַואכְט אָפּ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין ע.): "שְׁלשָׁה דְבָרִים", דְרֵיי זַאכְן, "מַכְחִישִׁים כֹּחוֹ שֶׁל אָדָם", מַאכְט שְׁוַואךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְאֵלוּ הֵן, פַּחַד", אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז פַּחַד, זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל פַּחַד): "דַאֲגָה, שֶׁדּוֹאֵג עַל דָּבָר הֶעָתִיד, כְּגוֹן טֵרוּד מְזוֹנוֹת", דָאס זָארְגְן אוֹיף זַאכְן פוּן שְׁפֶּעטֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל 'וִוי וֶועל אִיךְ הָאבְּן מָארְגְן עֶסְן?' "אוֹ פַּחַד אוֹיֵב", אָדֶער זָארְגְן וֶועגְן 'אֶפְשָׁר וֶועט וֶוערְן בַּאלְד אַ מִלְחָמָה?' וְכוּ'.

אֱמוּנָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה פַאר פַּרְנָסָה. עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, ג): "בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב, שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה", וּרְעֵה - דִי פַּרְנָסָה, אֱמוּנָה - קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה.

...

### אַ מְלַמֵּד טְרַאכְט בַּיי זִיךְ, 'וֶוער דַארְף מִיךְ?'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער בַּאלִיבְּטֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי חָשׁוּב אַ מְלַמֵּד אִיז אִין הִימְל, אַ מְלַמֵּד טְרַאכְט בַּיי זִיךְ 'וָואס? וֶוער דַארְף מִיךְ? וֶוער וֵוייסְט וִוי שְׁוֶוער אִיךְ אַרְבֶּעט?' - אָבֶּער וֶוען עֶר וָואלְט גֶעווּאוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אִים אִין הִימְל - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, נָאר מְשׁוּנֶּה פְרֵיילִיךְ.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, גֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; הוֹיבּ אָן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְק פַאר דַיין לֶעבְּן, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַאר דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן בֶּעט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע טֶעכְטֶער, נֶעם נִישְׁט אַריין יֶעדְן אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע טֶעכְטֶער, בְּרֶענְג נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ קַיין בָּחוּרִים; עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה - דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אָבֶּער כָּל זְמַן דוּ הָאסְט גְרוֹיסֶע טֶעכְטֶער אִין שְׁטוּבּ - דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "בִּתְּךָ בָּגְרָה", אוֹיבּ דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט דְרַייצְן יָאר - "שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֶן לָהּ", זָאלְסְטוּ אֲפִילוּ בַּאפְרֵייעֶן דַיין קְנֶעכְט אוּן אִיר גֶעבְּן דֶעם קְנֶעכְט פַאר אַ מַאן, וַוייל אַז נִישְׁט וֶועט זִי חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף הִיטְן דִי טֶעכְטֶער.

הִיט אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מֶען הִיט אוֹיפְן שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג.

...

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִינְטֶערֶעסִירְן וֶוער אִירֶע חַבֶר׳טֶעס זֶענֶען, זִי זָאל הָאבְּן נָאר עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע חַבֶר׳טֶעס.

...

## מַזָל טוֹב אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה מִיט׳ן אַוֶועקְוַוארְפְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַזָל טוֹב אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן, אִיר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקְקֵייט צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

יֶעצְט הָאט איר צַייט פַאר אַייעֶר מַאן און קִינְדֶער, דִי שְׂטוּב אִיז זוֹיבֶּער, רֵיין און צוּזַאמְגֶענוּמֶען, עֶס אִיז דָא פֵיינֶע וַוארֶעמֶע מָאלְצַייטְן.

עֶס וֶועט אַייךְ יֶעצְט זַיין אַבִּיסְל שְׁוֶוער, וַוייל אִיר זֶענְט גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֶעבְּן מִיטְן טֶעלֶעפָאן, אִיר וֶועט זִיךְ בֶּענְקֶען צוּ דֶעם, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, בְּלַייבְּט פֶעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דֶעם, וֶועט אִיר הָאבְּן גְלִיק און פְרֵייד.

...

### נִישְׁט נוּצְן בֶּעטְן פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יום ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

מַזָּל טוֹב ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה און הַרְחָבַת הַדַּעַת, און אוֹיפְשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן.

בְּנוֹגֵעַ נֵייעֶ בֶּעטְן וְכוּ׳; נוּץ נִישְׁט דִי אַלְטֶע בֶּעטְן. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט נוּצְן בֶּעטְן פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט, וַוייל דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רכט) : ״דַּע שֶׁיֵּשׁ עֵצִים וְכוּ׳ שֶׁאֵינָם מְסֻגָּלִים לְהוֹלָדַת בָּנִים וּלְגַדְּלָם״.

קוֹיף זִיךְ נֵייעֶ בֶּעטְן ; סֵיי דִי מַאטְרַאץ און סֵיי דִי הֶעלְצֶער וָואס הַאלְטְן דֶעם מַאטְרַאץ ; אַלֶעס זָאל זַיין נֵיי. אַזוֹי אוֹיךְ דִי בֶּעט גֶעוַואנְט זָאל מֶען נִישְׁט נוּצְן פוּן אַ גֶע׳גֶט׳עֶ פָּארְפָאלְק.

...

### פַארְלַאנְגְט פוּן דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יום ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי וָואךְ אַ בֵּית פֵיגָא

שוּלֶע אִין טְבֶרְיָ׳; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה.

פַארְלַאנְגְט פוּן דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין; אִין אָנְהוֹיב וֶועט דָאס זַיין שְׁוֶוער פַאר אַייךְ, בִּפְרַט בַּיי דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס אִיז הֶפְקֵר שְׁטִיבֶּער, וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן דִי שְׁטוּב, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ. הָאט נִישְׁט מוֹרָא, פַארְלַאנְגְט דֶרֶךְ אֶרֶץ מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין הַצְלָחָה.

אִיךְ וֵוייס אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען דָא אַסַאךְ חִלוּקֵי דֵעוֹת בְּעִנְיַן זֶה; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן ׳מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין שְׁטְרֶענְג׳; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי הָאב אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶועןן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶס מוּז זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ. אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אוּן אִיךְ הֶער נָאכְאַלְץ; אִיךְ לֶערְן דִי בְּרִיוו, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; דָארְט שְׁטֵייט קְלָאר אַז דֶרֶךְ אֶרֶץ דַארְף זַיין, אוּן אַז דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת וִוי זִיךְ צוּ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען בַּא׳גַנְבְ׳ט אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְט מֶען בַּא׳גַנְבְ׳ט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאב זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סֵפֶר הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד. וֶוען דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע מִדָה, וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת גְנֵיבָה וּגְזֵילָה,

סִימָן י) : "מִי שֶׁמְּעָרֵב מַשְׁקָיו בְּמַיִם, גַּנָּבִים בָּאִים עָלָיו", וֶוער עֶס מִישְׁט אַרַיין וַואסֶער אִין טְרִינְקֶען - וֶועלְן קוּמֶען צוּ אִים גַּנָּבִים.

דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן אֵיינֶער וָואס טוּט גְּנֵבוֹת, עֶר פַארְקוֹיפְט מִילְךְ אָדֶער וויין אוּן עֶר מִישְׁט אַרַיין וַואסֶער, עֶר טוּט גַנְבְ'עֶנֶען פוּן אַנְדֶערֶע, אִיז מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה - וֶועלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיךְ גַּנָּבִים אוּן גַנְבְ'נֶען פוּן אִים, אָבֶער פַאר זִיךְ מֶעג מֶען אוֹיסְמִישְׁן טְרִינְקֶען מִיט וַואסֶער; דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן פַארְקוֹיפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וַויי אוּן בִּיטֶער אוֹיב דִי קִינְדֶער פִירְן דִי שְׁטוּב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן, אִיבֶּעְרָאל דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם מִיט קִינְדֶער.

גוּטֶע קִינְדֶער הָאט מִיט דִי תְּפִילוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט : "יֶעדֶע נַאכְט בְּשָׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער" ; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה אוּן זֵיי זָאגְן 'מִיר ווילְן זִיךְ פִירְן וִוי דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וְכוּ'', - מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן : "בַּיי אוּנְז טוּט מֶען אַזוֹי", "בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה מַאכְט מֶען אַזוֹי".

עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט גֶעבְן קַיין דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ ; וַויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר דִי וָואס פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי צוּ

פִירְן דִי שְׁטוּב, קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ פְּרוּבִּירְן בַּאקוּמֶען וָואס זֵיי דַארְפְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאבְּן זֵיי נָאךְ מֶער לִיבּ צוּ הָאבְּן עֶלְטֶערְן וָואס וֵוייסְן וָואס זֵיי ווִילְן אוּן זֶענֶען זֵיי מְחַנֵךְ אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳, טְבֶרְיָ׳

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי זֶעכְצֶנְסְטֶע מָאל תְּהִלִים; עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ הֶערְן אַז אַ קִינְד פוּן אַכְט יָאר הָאט דִי פַארְשְׁטַאנְד וָואס עֶלְטֶערֶע הָאבְּן נִישְׁט, פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִים.

זַייט שְׁטַארְק, זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִים. אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיר דַארְפְט, אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר אֱמוּנָה אוּן פַאר שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער לֵיינֶען עֲצָתוֹ אֱמוּנָה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אוֹיף דַיין טַעֲנָה אַז קִינְדֶער לֵיינֶען דִי בְּרִיוו אוּן זֵיי פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת וְכוּ׳; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ד): ״אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ״, עֶנְטְפֶער נִישְׁט דֶעם נַאר אוֹיף זַיינֶע נַארִישֶׁע פְרַאגֶעס, ״פֶּן תִּשְׁוֶה לּוֹ גַם אָתָּה״, טָאמֶער וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן אַ נַאר; דִיר וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶּער הֱיוֹת דוּ מַאכְסְט אַ טוּמְל, אוּן תְּמִימֵי לֵב וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִיר - וֶועל אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן.

עֶס אִיז דָא אַ קַאטְשְׁקֶע, וָואס וֶוען זִי זֶעט דֶעם בֶּער וֶוערְט זִי דֶערְשְׁרָאקְן, זִי שְׁטֶעקְט אַרַיין דֶעם קָאפּ אִין דֶער עֶרְד אוּן אַזוֹי וֶוערְט זִי בַּארוּאִיגְט, זִי זֶעט מֶער נִישְׁט דֶעם בֶּער, בִּיז דֶער בֶּער קוּמְט אוּן פַארְצִיקְט אִיר; אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי אַלֶע וָואס זָאגְן 'מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן קְדוּשָׁה צוּ קִינְדֶער', מֶען שְׁטֶעקְט אַרַיין דִי קָאפּ אִין דֶער עֶרְד בִּיז עֶס קוּמְט אַ מְנִיוָול אוּן הַרְגְ'עֶט דָאס קִינְד, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וָואס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ נָאר פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית; וָואלְט יֶעדֶע טַאטֶע גֶעדַארְפְט גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען דִי בְּרִיוו, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה אוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, זֵיי זָאלְן וויסְן ווִי זִיךְ צוּ הִיטְן סַיי בַּיי זִיךְ אוּן סַיי פוּן אַנְדֶערֶע. אַז דַיין קִינְד וֶועט לֵיינֶען דִי בְּרִיוו אוּן עֶר וֶועט דִיךְ פְרֶעגְן: "טַאטֶע, וָואס מֵיינְט פְּגַם הַבְּרִית?" וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען ווִי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן; וָואס בְּדֶרֶךְ כְּלָל רֶעדְן נִישְׁט עֶלְטֶערְן פוּן קְדוּשָּׁה, אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס רֶעדְן שׁוֹין יָא - מוּרְמְלֶען זִיךְ אוּנְטֶער אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט אוֹיף; זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער ווִי אוּן וֶוען אָנְצוּהֵייבְּן רֶעדְן פוּן דֶעם. אַז דַיין קִינְד וֶועט פְרֶעגְן: "טַאטֶע, וָואס אִיז פְּגַם הַבְּרִית?" זָאלְסְטוּ זָאגְן: "פְּגַם הַבְּרִית מֵיינְט מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג", אוּן אַז דַיינֶע טֶעכְטֶער וֶועלְן פְרֶעגְן: "וָואס מֵיינְט קְדוּשַּׁת הַבְּרִית?" זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיךְ זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אִין אַ ווִינְקְל מִיט אַ חַבֶר'טֶע זִיךְ אָנְרִירְן אוּנְטֶער דִי קְלֵיידֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל זַיין הֵיילִיג"; דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע טֶעכְטֶער אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶר גוּף וְכוּ'.

דֶערְוַוייל, וָואס טוּט מֶען? 'נֵיין, בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן דֶעם!' בַּיי אוּנְז שְׁטֶעקְט מֶען אַרַיין דֶעם קָאפּ אִין דֶער עֶרְד אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם בֶּער; נִישְׁטָא קַיין מְנִיוָולִים, נִישְׁטָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, בִּיז דֶער בֶּער - דֶער מְנִיוָול - קוּמְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן מֶען וֵויינְט אַז דִי יוּגֶענְט פַאלְט אַוֶועק, מֶען זוּכְט עֵצוֹת, מֶען זוּכְט וֶועם צוּ

בַּאשׁוּלְדִיגְן; וֶוען רוֹב רֻבָּם פוּן דִי וָואס לָאזְן אָפּ אִידִישְׁקֵייט אוּן דִי וָואס נֶעמֶען זִיךְ דָאס לֶעבְּן - אִיז וַוייל דָאס לֶעבְּן אִיז זֵיי מֶער נִישְׁט וֶוערְד, וַוייל מֶען הָאט זֵיי מְטַמֵּא גֶעמַאכְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דַיְקָא דִי בְּרִיווּ, דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן - דָאס טוּט רַאטֶעוֶועֶן דֶעם דוֹר; וַוייל וִויפִיל בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים וֵויינֶען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, זֵיי קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶער וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם, אוֹיךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן דֶעם, אוּן נָאר דוּרְךְ דִי סְפָרִים זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן עֶרְלִיךְ אוּן גֶעוִויסְט וִוי זִיךְ צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף וַוייטֶער.

וִויפִיל וַוייבְּלֶעךְ וֵויינֶען אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים אִין שׁוּלֶע, אוּן יֶעצְט אִיז דָאס לֶעבְּן בִּיטֶער שְׁוֶוער; זֵיי וֵויינֶען 'קֵיינֶער הָאט אוּנְז נִישְׁט גֶעלֶערְנְט פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן'.

דִי בְּרִיווּ אִיז נִישְׁט פַּאר דִיר, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וָוארְנְט אוּנְז נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ נַאר, "פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ וְאַל כְּסִיל בְּאִוַּלְתּוֹ" (מִשְׁלֵי יז, יב), עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זִיךְ אָנְטְרֶעפְן מִיט אַ פַארְצִיקֶנְדֶע בֶּער וִוי זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט אַ נַאר, אָבֶּער דִי תְּמִימֵי לֵב וָואס הֶערְן לֵיצָנוּת זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער; רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית. מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער, נָאר זָאגְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן וְכוּ'".

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי לֵיצָנוּת.

...

### הֶפְּקֵר שָׁאט נִישְׁט פַּאר שְׁמִירַת עֵינַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

שְׁמִירַת עֵינַיִם פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט בַּיי הֶפְקֵר, עֶס אִיז אַ גוּטֶע וִוירְץ; אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם אָן הֶפְקֵר.

גֵיי הֲפָצָה, דָאס וֶועט פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן, נִישְׁטָא אַ זַאךְ וָואס פַארְרֶעכְט פְּגַם הַבְּרִית ווי עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִי קְדוּשָׁה.

גֵיי וָואס מֶער הֲפָצָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צִינְד דִי מְנוֹרָה מִיט שִׂמְחָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, מִיר גֵייעֶן אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט. בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז מִיר טוּעֶן אָן שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, מֶען וַואשְׁט דִי הֶענְט (אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ כַאפְּן אַ טְבִילָה - אִיז גָאר גוּט), מֶען זָאגְט דִי לְשֵׁם יִחוּד, אוּן נָאכְן צִינְדְן זִיצְט מֶען כָאטְשִׁיג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; מֶען בֶּעט פַאר זִיךְ, מֶען בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאטְשְׁן, עֶס מוּז צוּגֵיין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דִי קִינְדֶער לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן - קֶען מֶען זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן מִיט אַ לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת אוּן בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען.

אַז דוּ וֶועסְט צִינְדְן מִיט שִׂמְחָה - וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר דִי אוֹר הַגָּנוּז וָואס וֶוערְט נִתְגַּלֶה בַּיים צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט.

...

### עֶנְדִיג אַרְבֶּעטְן פְּרִי זָאלְסְט קֶענֶען צִינְדְן אִין צַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג - דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן אַלֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): ״יְמֵי חֲנוּכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה״, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אוּן וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא.

זֶע צוּ עֶנְדִיגְן אַרְבֶּעטְן פְּרִי אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב בַּיים זְמַן אוּן גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, (אַז דוּ קֶענְסְט כַּאפְּן אַ מִקְוֶה - מַה טוֹב וּמַה נָּעִים). נָאכְן צִינְדְן זָאלְסְטוּ טַאנְצְן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, בְּרֶענְג אַרַיין אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי וֶועט אוֹיף דִיר שַׁיינֶען דִי אוֹר הַגָּנוּז וָואס וֶוערְט נִתְגַּלֶּה אִין דִי חֲנוּכָּה טֶעג.

...

### קוּק אוֹיף דִי לִיכְט אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין כִּמְעַט צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, וְויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען צַייטְלִיךְ, דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב בַּיים זְמַן אוּן גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט.

וֶוען דוּ צִינְדְסְט אָן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט זָאלְסְטוּ זִיצְן פַאר כָאטְשִׁיג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה. קוּק אוֹיף דִי לִיכְט אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נִיסִים וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר גֶעמַאכְט, בְּעִיקָּר פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס אַז דוּ וֵוייסְט פוּן רֶבִּי׳ן אוּן פוּן זַיינֶע עֵצוֹת, זָאג: ״אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ וֵוייס פוּן רֶבִּי׳ן, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן נִיסִים״.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אַבִּיסְל זְמִירוֹת, וֶועט אוֹיף דִיר שַׁיינֶען דִי אוֹר הַגָּנוּז וָואס וֶוערְט נִתְגַלֶה בִּימֵי חֲנוּכָּה.

...

## אַ קְלוּגֶער מְלַמֵד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיךְ צוּ דַאנְקֶען פַאר וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר הָאט אַזוֹי לִיבּ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, עֶר הָאט אַזוֹי לִיבּ דֶעם מְלַמֵד. עֶר אִיז אַזוֹי טֵייעֶר, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דֶעם קְלוּגְן מְלַמֵד זָאל זֶען אַז עֶר אִיז טֵייעֶר, נִישְׁט אַלֶע מְלַמְדִים הָאבְּן מִיט אִים מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

דֶערִיבֶּער דַאנְק אִיךְ דִיר פַאר דַיין הַארְץ וָואס דוּ לֵייגְסְט אַריין אִין אַלֶע תַּלְמִידִים, אוּן בִּפְרַט אִין אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

...

### ווָאוּ אִיז גוּט צוּ גֵיין וַואקַאצְיֶע?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וֶועגְן פָארְן אוֹיף וַואקַאצְיֶע, אַ שָׁאד דִי גֶעלְט, אַ שָׁאד דִי מִי - וֶוען מֶען קֶען מַאכְן וַואקַאצְיֶע אִין שְׁטוּבּ; נָאר פַאר אֵיין זַאךְ לוֹינְט צוּ פָארְן וַואקַאצְיֶע - צוּ זֶען אַז דֶער אוֹצָר אִיז אִין שְׁטוּבּ, דֶער אוֹצָר אִיז אוּנְטֶערְן פְּרִיפֶּעטְשִׁיק.

אִיךְ וִויל דִיר לֶערְנֶען וַואקַאצְיֶע; וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ עֶנְטְפַאנְגֶען דַיין וַוייבּ מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, אוּן

מִיט חָכְמָה זָאלְסְטוּ דֶערְגֵיין וָואס אִיז דִי מַצָב, וִוי פֶּעלְט אוֹיס שְׁנֶעלֶע הִילְף. נֶעם צוּזַאם דִי שְׁטוּב, טְרָאג אַרוֹיס דִי מִיסְט, נֶעם צוּזַאם דִי שְׁפִּילְצֵייג, גֶעבּ צוּ עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער, בָּאד זֵיי אָפּ, לֵיין מִיט זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע אוּן לֵייג זֵיי שְׁלָאפְן, דָאס אַלֶעס דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אָוֶועקְזֶעצְן שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ, הֶער אוֹיס וִוי אִיר טָאג אִיז גֶעוֶוען, דֶערְצֵייל אִיר עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט, גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער - וְיִקְרֶא שְׁמוֹ 'וַואקַאצְיֶע'.

קֶענְסְט אוֹיךְ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אוּן אַיינְקוֹיפְן אַן אֵייסֶעס, אֵייסְקְרִיעֶם, פַּאפְּקָארְן - אוּן זִיךְ שְׁפָּארְן דָאס צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער, זִיךְ שְׁפָּארְן פָּארְן, פְלִיעֶן, גֵיין אוּן קוּמֶען, זִיךְ קְרִיגְן.

אִיךְ זָאג דִיר אָן לֵיצָנוּת, אַ שָׁאד דִי גֶעלְט, אַ שָׁאד דִי מִי. נֶעם יֶעדְן טָאג וַואקַאצְיֶע.

...

### חֲנוּכָּה פָּארְט מֶען נִישְׁט קַיין אוּמַאן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען גֵייט שׁוֹין אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר אַלֶע דַיינֶע זִין חֲנוּכָּה מְנוֹרָה'ס. עֶנְדִיג אַרְבֶּעטְן פְרִי אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב בַּיים זְמַן אוּן גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אֱמוּנָה; דַארְפְן מִיר טוּן דָאס פַּארְקֶערְטֶע, מִיר דַארְפְן נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוּן אִין זֵיי אַרַיינְבַּאקְן דִי אֱמוּנָה. מוֹהֲרַא"ש הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מֶען זָאל חֲנוּכָּה בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ מוֹהֲרַא"ש פְלֶעגְט אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן, אָבֶער חֲנוּכָּה פְלֶעגְט מוֹהֲרַא"ש זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, מַאכְן אַ שֵׁיינֶע צִינְדְן, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאטְשְׁן.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ.

...

**מֶעג מֶען אַיינְגֶעבְּן אַז מֶען אִיז מְשׁוּגָע צוּ בַּאקוּמֶען בֶּעטֶעפִּיטְן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ נִישְׁט דִי זַאכְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה ח, ט): "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ לֹא חִגֵּר, וְלֹא סוּמָא, וְלֹא פִּסֵּחַ, וְעוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּאַחַד מֵהֶם, אֵינוֹ מֵת מִן הַזִּקְנָה עַד שֶׁיִּהְיֶה כְּאֶחָד מֵהֶם", וֶוער עֶס מַאכְט זִיךְ ווִי עֶר אִיז קְרַאנְק כְּדַאי צוּ נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ' - וֶועט טַאקֶע וֶוערְן קְרַאנְק, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען פַארְטְשֶׁעפֶּעט זִיךְ מִיט דִי רֶעגִירוּנְג, מֶען זָאגְט זֵיי לִיגְנְט; זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט טוּן.

בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה; אַז מֶען טוּט דִי ווִילְן פוּן רֶבִּי'ן, מֶען אִיז עוֹסֵק אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג, וְעוֹד), מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן - הָאט מֶען שֵׁיין פַּרְנָסָה, מַמָּשׁ דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן לג): "בִּזְכוּת הַצַּדִּיק תַּלְמִידָיו מִתְפַּרְנְסִים", בִּזְכוּת דֶעם צַדִּיק הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים פַּרְנָסָה.

גֶעב נִישְׁט אַיין דִי לִיגְנְט אַז דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע כְּדֵי דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען גֶעלְט פוּן דִי רֶעגִירוּנְג; אַז דוּ ווִילְסְט פַּרְנָסָה - נֶעם אַ זֶעקֶל סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ' - אוּן גֵיי מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אֲפִילוּ אִין אַמֶערִיקֶע וואוּ דִי הֲפָצָה אִיז מְצוּמְצָם, מֶען קֶען נָאר גֵיין צְווִישְׁן אִידְן - זֶענֶען דִי מְפִיצִים דִי עֲשִׁירִים; אַ מֵפִיץ מַאכְט אִין אֵיין שָׁעָה וָואס אַ אִינְגֶערְמַאן אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג, אָן קַיין גוּזְמָא; כָּל שֶׁכֵּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס דוּ הָאסְט מִילְיָאנֶען אִידְן וָואס מֶען הָאט זֵיי נֶעבֶעךְ

אוֹיסְגֶע׳שְׁמַדְ׳ט, מִילְיָאנֶען אִידְן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ וַוייט פוּן דִי תּוֹרָה, קֶען מֶען זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אַ חַיוּת אִין דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; עֶס אִיז גוּט צוּ מַאכְן אַ לֵייבְּרֶערִי אִין חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער, אַיינְקוֹיפְן בִּיכְלֶעךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לֵיינֶען מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אוּן פוּן צַדִיקִים.

אָבֶּער נָאר בִּתְנַאי אַז דוּ וֶועסְט בַּאקוּקְן יֶעדֶע בִּיכְל וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אִין חֵדֶר; עֶס מוּז זַיין אוּנְטֶער דִי הַשְׁגָחָה פוּנֶעם מְנַהֵל. יֶעדֶע בִּיכְל דַארְף וֶוערְן בַּאשְׁטֶעטִיגְט אוֹיב מֶען קֶען דָאס קוֹיפְן, עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין קַיין בִּיכְלֶעךְ וָואס זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

בֶּעט דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אַ חַיוּת אִין דַאוֶוענֶען, דִי קִינְדֶער זָאלְן דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אוֹיפְן קוֹל אוּן מִיט פַּאטְשְׁן מִיט אַ חַיוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער עִיקָר זָאל מֶען בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דִי מְנַהֶלֶת זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף אַייךְ, אַז אִיר זֶענְט אַ גוּט קִינְד, אִיר לֶערְנְט גוּט אוּן אִיר הָאט גוּטֶע מִידוֹת.

אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן פַּאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן, אִיךְ בִּין זִיכֶער זֵיי וֶועלְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דֶער עִיקָר זָאל מֶען בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דִי תְּפִלָּה: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר אַלֵיין, אִיךְ זָאל אַלְץ זַיין פָּאזֶעטִיוו״; עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳ אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דוּ לֶערְנְסְט אִים עִבְרִי מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט הַארְץ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; דוּ לֶערְנְסְט אִים מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט הַארְץ צוּ קֶענֶען לֵיינֶען דִי הֵיילִיגֶע עִבְרִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן הַצְלָחָה אִין דַיין אַרְבֶּעט.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**זָאל מֶען בְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ טְבֶרְיָ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט, הֱיוֹת עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען צוּמָאל בַּיינַאכְט צוּם גְמָרָא שִׁיעוּר אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען מִיט זֵייעֶר קְלֵיין קִינְד, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

רִיכְטִיג אִיז צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוְנֶען, אַ שׁוּל אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר בֶּעבִּי-סִיטִינְג, אַ שׁוּל אִיז פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

יֶעדֶע זַאךְ הָאט אָבֶער אַ כְּלָל אוּן אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלָל, דָאס אִיז דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ גַבְּאַי, צוּ ווִיסְן וֶוען זָאגְט מֶען, פַאר וֶועם זָאגְט מֶען אוּן ווִי אַזוֹי זָאגְט מֶען. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט (הוּבָא בְּסֵפֶר לִיקוּטֵי חָבֵר בֶּן חַיִּים, חֵלֶק א), חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): ״כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת״, אַז דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע, נָאר דָאס מֵיינְט מֶען אַ רַב אָדֶער אַ גַּבְּאַי, וָואס מֶענְטְשְׁן דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אִים, ״פָּנָיו מִשְׁתַּנָּה כִּכְרוּם״, זָאגְט מֶען אִים, ׳דוּ דַארְפְּסְט הָאבְּן אַפָּאר עֶרְלֵיי פֶּנִים׳עֶר׳, אַ פָּנִים וָואס טוּישְׁט זִיךְ, ״שֶׁיּוֹדֵעַ לְהַלֵּךְ נֶגֶד רוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד״, עֶר דַארְף ווִיסְן ווִי זִיךְ אוּם צוּ גֵיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; אֵיינֶעם ווַייזְט מֶען אַ ווֵייכֶע פָּנִים, אֵיינֶעם מֶער אַ שְׁטְרֶענְגֶע וְכוּ׳.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין עֶנְקֶער ד׳ אַמּוֹת; יָא קְלֵיינֶע קִינְדֶער, נִישְׁט קְלֵיינֶע קִינְדֶער - נִישְׁט אִין דֶעם לִיגְט דִי הַצְלָחָה פוּן דֶער שׁוּל, דִי הַצְלָחָה לִיגְט אִין דִי לִיבְּשַׁאפְט; ווַייל וֶוען אַלֶע מִתְפַּלְּלִים וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְק לִיבּ הָאבְּן - וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף עֶנְק דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקָרֵב זַיין דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף גֶעבְּן אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער; זִיכֶער וֶוען דִי קִינְדֶער בֶּעטְן עֶס, זֵיי בֶּעטְן: "מַאמֶע גֶעבּ מִיר לִיבְּשַׁאפְט" - דַארְף מֶען זֵיי גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס עֶס בְּלָאזְן ווינְטְן וָואס קִינְדֶער פוּן גוּטֶע שְׁטִיבֶּער פַאלְן לֹא עָלֵינוּ אַוֶועק - דַארְף מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ וַוארֶעמְקֵייט פַאר יֶעדְן קִינְד, אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ, דִי עֶלְטֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ טוּן מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן פַאר הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע - דִי מוּזְן נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ תַּלְמִידָה אִין בֵּית פֵּיגָא (זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט) וָואס הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַלְס קִינְד מִיט דִי וֶוערְטֶער: "וֶוען אִיךְ גֵיי חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, אִיךְ וֶועל זַיין אַ וַוארֶעמֶע מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער"; וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה? אִיר מַאמֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶע בַּעֲלַת חֶסֶד, זִי טוּט חֶסֶד טָאג אוּן נַאכְט, אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער; דִי מֵיידְל אִיז גֶעוֶוען גָאר יוּנְג וֶוען זִי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ הֶעלְפְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, דַארְפְט אִיר אָבֶּער לֵייגְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער דִי עֶרְשְׁטֶע; זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן זֵיי גֶעבְּן אַייעֶר צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חֲנוּכָּה זָאלְן דִי קִינְדֶער גֵיין נָאךְ צְדָקָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג זָאלְסְטוּ אוֹיסְטֵיילְן פּוּשְׁקֶעס אוּן רַאפֶּעלְס פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי חֵדֶר, חֲנוּכָּה אִיז אַ מִנְהָג אַז קִינְדֶער גֵייעֶן צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה (עַיֵּין מָגֵן אַבְרָהָם רֵישׁ סִימָן תרע)‏; מֶען דַארְף מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם אַז אַלֶע קִינְדֶער וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין כַּךְ וְכַךְ - וֶועלְן בַּאקוּמֶען אַ בַּאלוֹינוּנְג.

לֶערְן אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ צְדָקָה, אוּן לֶערְן זֵיי וִוי אַזוֹי מֶען בֶּעט צְדָקָה, וִוי מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְלַאנְג דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיין זוּן ...,‏ אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פַארְלַאנְגֶען פוּן אִים דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אִים צוּ מוּסָרְ'ן אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין אִים וָואס מֶער חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֵאֵת קִינְדֶעל

## נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן

דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַ זוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פוּן שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיינֶע לִיפְּן פְלֶעגְן שֶׁעפְּשֶׁען אַ גַאנְצְן צַייט תְּפִילוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת.

הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גָארְטְן מִיט אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז, וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי אַבְרָהָם זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק, עֶר פַארְמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן הוֹיבְּט אָן זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ וִויל נָאר רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ וִויל נָאר זֶען דִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַאר מִיר"; רֶבִּי אַבְרָהָם פַארְגֶעסְט וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, עֶר הוֹיבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל מִיט אַזַא בֶּענְקֶעניש, דֶער תַּלְמִיד זֶעט וִוי זַיין רֶבִּי אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, גֵייט עֶר אִין דִי זַייט אוּן עֶר אִיז זִיךְ אוֹיךְ מִתְבּוֹדֵד.

דָארְט אִין גָארְטְן שְׁפַּאצִירְן אוֹיךְ גוֹיִם, וֶוען זֵיי זֶעעֶן דֶעם



אַ קֶעסְטְל צֵיינֶער לַאכְט...

צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם ווִי עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מֵיינֶען זֵיי אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ מְשׁוּגֶע׳נֶער וָואס רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַוֶועק, זֵיי לַאכְן, זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִיק, ״הַא, הַא, הַא, אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, קוּק וִוי עֶר רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס...״

דֶער תַּלְמִיד זֶעט וִוי מֶענְטְשְׁן לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן זַיין רֶבִּי, עֶר גֵייט צוּ צוּם צַדִיק אוּן זָאגְט: ״אוֹי וֵויי, מֶען לַאכְט פוּן רֶבִּי׳ן״; דֶער צַדִיק עֶפְנְט דִי אוֹיגְן אוּן זֶעט וִוי אַלֶע לַאכְן, אוּן זָאגְט: ״אִיךְ וֶועל נִישְׁט אַוֶועקְגֶעבְּן מַיין עוֹלָם הַבָּא פַאר אַ קֶעסְטְל צֵיינֶער״; עֶר גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר זַיין תַּלְמִיד: ״וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶענְטְשְׁן לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן? גָארְנִישְׁט, אֵיין זַאךְ פַּאסִירְט, זֵיי וַוייזְן מִיר זֵייעֶרֶע צֵיינֶער, וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן אַפָּאר קֶעסְטְלֶעךְ צֵיינֶער״; דֶער צַדִיק פַארְמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן רֶעדְט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן, נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן אַ קֶעסְטְל צֵיינֶער.



בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל
הקודש
חיזוק
צום טי׳
רופט אדער טעקסט
קרן
הדפסה
היכל
הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com